אויפ'ן בוידעם און די מייז זאלען זיי עסען. אז איהר וועט איינפאקען די אלטע לוחות, זאלט איהר מוחל זיין זיי איבערוועגען און רעכנען מיר לויט וואג פון פאפיער און ארויסשיקען מיר פער נאכנאהמע. זעהט זשע, למען השם, אלע אלטע לוחות, וויפיעל איהר האט, צום מיינסטען פון יאהר תרמ"ח. איך טהו דאס כמעט נאר צוליעב אייך. איך וויים, אז עס וואלגערען זיך ביי אייך אלטע לוחות, וויל איך אייך געבען צו לייזען. צו קיין אנדערען שרייב איך נישט, נאר צו אייך, ווייל איך האלט פון אייך. געדענקט זשע, למען השם, וואס מעהר אלטע לוחות, און איך גריס אייער ווייב און קינדער גאר פריינטליך.

ממני פינחס פינקוס".

פאר'חתמ'ט דעם בריעף, האט ער א רוף געטהאן דעם קעלנער:

— הער נאר, דייטש בן דייטש, נאך א קריגעל סמעטענע!...

באקומען נאך א קריגעל ביער, האט אונזער לוח־פאבריקאנט אנגעשריבען נאך א בריוועל צו איין אנדער מוכר־ספרים:

„...והשנית שרייב איך אייך, אז איך האב אויסגעקראצט דא איינעם א דייטש, וואס איז א קונה אויף אלטע לוחות, אבער נאר פונ'ם יאהר תרמ"ח. אויב איהר האט זיי, שיקט זיי מיר צו באלד דורך א נאכנאהמע. רק איהר זאלט נישט רעכענען מעהר ווי דאס פאפיער, כי איך דארף דאך אויך עפים פארדיענען. איך שרייב נאר צו אייך, ווייל איך וויים, אז נאר ביי אייך געפינען זיך אלטע לוחות. און מחמת איך האב קיין צייט נישט, מאך איך דאס בקיצור.

ממני פינחס פינקוס".

און נאך א בריוועל האט ער אוועקגעשריבען, שוין אין איין אנדער שטאדט:

„...והשנית שרייב איך אייך, אז איך קאן ביי אייך הייניגס יאהר קויפען לוחות נאר על־מנת, דאס הייסט מיט א תנאי, אז צו יעדען נייעם לוח פון יאהר תרס"ח דארפט איהר מיר צולעגען דריי לוחות אלטע פונ'ם יאהר תרמ"ח אומזיסט. ווייל ס'איז דא א פאר דייטשען, וואס זיצען און שטודיערען די וועטערונגען נאך די אלטע לוחות פון די פריהעריגע יאהרען. לכן אבקש, איהר זאלט מיר ארויסשיקען אלע אייערע אלטע לוחות פון יאהר תרמ"ח, צולעגען צו יעדע דריי אלטע איינעם א נייעם לויט פרייז, און באלד ארויסשיקען על־ידי נאכנאהמע.

פון מיר אייער פריינט פינחס פינקוס".

אט אזעלכע בריוולעך זענען אוועקגעאנגען נאך עטליכע צו פארשיידענע בוכהענדלער אין פארשיידענע שטעדט. און אונזער לוח־אנגראסיסט פינחס פינקוס האט זיך צעצאהלט מיט'ן קעלנער און האט זיך אנגעזאטעלט מיט'ן פעקעל ספרים אויף די פלייצעס און איז אוועק זיין וועג, ווי א מענטש, וואס האט פארקלערט און אויסגעפיהרט א רעכטען, א וויכטיגען עסק.

ה.

דאס געוועזענע יאהר 5668, זינט גאט האט באשאפען די וועלט, איז געווען פאר די נארדענבערגער אידען א יאהר פון שפע. אלע, פונ'ם ערשטען פאבריקאנט ביז'ן לעצטען בעל־מלאכה, האבען געמאכט גוטע געשעפטען. אלע, פונ'ם גרעסטען קאמיסיאנער ביז'ן קלענסטען הויזירער, האבען פארדיענט געלט, און אלע זענען געווען צופריעדען און האבען זיך געפרעהט, וואס דער „ארמער פאלנישער יודע" לייזט ביי זיי געלט פאר'ן לוח תרס"ח. מע קאן זאגען, עס איז נישט געווען אין נארדענבערג קיין איינציג הויז, וואס זאל נישט האבען געקויפט ביי'ם „פאלנישען יודען" קיין לוח אויף דעם יאהר. און די נארדענבערגער אידישע באפעלקערונג האט גענומען דאס נייע יאהר תרס"ת (5668) נאכ'ן אלטען לוח פונ'ם יאהר תרמ"ח (5648) אויסגעצייכענט גוט, דאס הייסט: מע האט זיך געהאט יאהרצייטען, געפייערט בר־מצוות און געבענטשט

חנוכה־ליכטלעך, געגעסען פורים'דיגע המן־טאשען און גענומען זיך גרייטען צום הייליגען פסח, באקען מצות — אלסדינג ווי אלע יאהר, פון זינט די וועלט איז א וועלט, — און אין דער ריכטיגער צייט, לויט דער לוח זאגט, האט מען זיך גאנץ פיין אוועקגעזעצט צום סדר, אויף מארגען נאך א מאל צום סדר, און אזוי וואלט זיך אפלויפען דער פסח, און אפשר דער שבועות מיט'ן סוכות אויך, ווען עס זאל זיך נישט טרעפען א מעשה (ביי אלע שרייבערס פון דער וועלט מוז זיך טרעפען א מעשה).

ומעשה שהיה כך היה:

איינער איין אפטייקער האט געדארפט פאהרען פון נארענבערג קיין בערלין נאך סחורה. האט ער זיך אויפגעזעצט דעם ערשטען טאג חול־המועד פסח און איז אוועק קיין בערלין. געקומען איז ער קיין בערלין איין אויסגעהונגערטער פונ'ם וועג — סכנות! דער לעזער, וואס האלט קאפ, געדענקט אודאי, אז א נארענבערגער אידישער דייטש, ער מעג זיך זיין אפילו איין אפטייקער, אדער א דאנטיסט, אדער אפילו נאך ערגער פון א דאנטיסט, וועט אייך פסח קיין חמץ נישט עסען פאר קיין צעהן מיליאן. א גאנץ יאהר וועט איהר ביי איהם פועל'ען, ער זאל אייך עסען חזיר. איהר וועט איהם איינבעטען, ער זאל אייך עסען ראקעס און וואס איהר ווילט. נאר קומט דער הייליגער פייערטאג פסח, ווערט א דייטש פרום מיט סכנת־נפשות! ער וועט אייך גיכער שטארבען פון הונגער, איידער זיך צוריהרען צו חמץ אום פסח. איהר מעגט דאס אנרופען פאנאטיזם — ס'איז א פארפאלענע זאך!

אלזא, געקומען א הונגעריגער קיין בערלין, איז אונזער אפטייקער קודם געגאנגען זוכען א אידישען רעסטאראן אויף דער פריעדריכשטראססע און האט דערזעהן דאס ווארט „כשר" און האט זיך מחיה געווען. אריינגעקומען אין רעסטאראן אריין, האט ער נישט צייט געהאט זיך אוועקזעצען ביי'ם טישעל און דורכשטודירען דאס צעטעל פון די פסח'יגע מאכלים, איז אויסגע־

וואכסען נעבען איהם א קעלנער, א געזונטער יונגאטש מיט איין אנגעפאמאדעטען קאפ, מיט שטעהענדיגע וואנסען, א לא ווילהעלם דער צווייטער. דער יונגאטש דער קעלנער האט געהאלטען אין די הענט א טעלער, און אויפ'ן טעלער — שטעלט אייך פאר! — א המן־טאש מיט מאהן!!!...

אונזער אפטייקער איז שיער נישט געפאלען חלשות: וואס הייסט עס? כשר, פסח, און א המן־טאש מיט מאהן! ווען דער אפטייקער זאל נישט זיין טוידט־הונגעריג, וואלט ער זיכער געמיינט, אז ס'איז א חלום. דער קעלנער דער יונגאטש האט דערזעהען, אז דער גאסט קוקט עפּיס מיט מאדנע אויגען, האט ער פארשארט ארויף ביידע שטעהענדיגע וואנסען א לא ווילהעלם דער צווייטער און האט א זאג געטהאן צום גאסט מיט א פריינטליכען שמייכעלע פון א קעלנער:

— וועגען פייערטאג — פורים־שפייז!... כשר לפורים!...

דא איז אונזער אפטייקער געווארען נאך מעהר צעמישט: וועגען פייערטאג — פורים־שפייז?!... דער קעלנער איז אוועק און אויף זיין ארט איז אויסגעוואכסען דער „ווירטה" פונ'ם רעסטאראן, איין עלעגאנט געקליידעטער דייטש מיט א זעהר ליעבליך אלאונטערטעניגסט שמייכעלע אויף די פעטע רויטע ליפען, און צווישען דעם ווירטה מיט'ן גאסט האט זיך פארבונדען זעהר א אינטערעסאנטער שמועס, פון וועלכען מיר געבען דא איבער נאר ־עם תמצית. דער ווירטה האט באגריסט דעם גאסט מיט'ן פייערטאג פורים, און דער גאסט האט געוואלט איינרעדען דעם ווירטה, אז היינט איז טאקי א פייערטאג, נאר דער פייערטאג הייסט נישט „פורים", ער הייסט „אסטערן" (פסח). תחילת האט דער ווירטה געו'עכענט, אז דער גאסט איז גלאט א פרייליכער פארשוין און מאכט זיך לוסטיג לכבוד פורים, האט ער גאנץ העפליך געחיחיקעט. דעם גאסט איז אבער דאס חיחיקען פונ'ם ווירטה גאר נישט געפעלען, און דער שמועס צווישען ווירטה און צווישען גאסט האט אנגעהויבען וואס ווייטער אריין אין ערנסט, ביז עס האבען

דערהערט אויך די איבעריגע געסט פון רעסטאראן און האבען זיך אויך אריינגעמישט אין דעם הויך־אינטערעסאנטען שמועס. דאס האט אונזער אפטייקער פארדראסען, האט ער זיך אויסגעשפראכען מיט זעהר א גיפטיג שמייכעלע, אז מע קאן זיך זיין א איד און דערלויבען זיך עסען חמץ אין פסח, נאר אריינמישען זיך אין פרעמדע אנגעלעגענהייטען איז נישט לויט דעם דייטשען עטיקעט... דערויף האט איינער א דזשענטעלמאן מיט צוויי שענע באקענבארדען, שוין א ביסעל גרויליך, מיט נישט ווינציגער גיפט א פרעג געטהאן ביי'ם אפטייקער: פון וואנען איז דער „הערר“? און אז ער האט דערהערט, אז דער „הערר“ איז א נאררענבערגער, האט ער אויסגעצויגען א לאנגען „אאא!!!“ און האט זיך פארטיעפט אין טעלער...

ווען אונזער נאררענבערגער העלד זאל נישט זיין אזוי הונגעריג, וואלט ער דעם דזשענטעלמאן מיט די באקענבארדען פאר אט דעם דאזיגען „אאא“ מכבד געווען, ווי עס געהער צו זיין: ערשטענס, וואלט ער איהם דערלאנגט זיין וויזיט־קארטע מיט דער פירמע „דאקטאר פארמאציע אין נאררענבערג“; צווייטענס, וואלט ער געפאדערט פון דעם דזשענטעלמאן מיט די באקענבארדען, אז ער זאל איהם געבען זיין וויזיט־קארטע מיט זיין פירמע, און וואס נאכדעם וואלט געווען — ווייס איך נישט, איך בין נישט קיין נביא. וואס ס'איז געווען — דאס קאן איך אייך דערצעהלען. און געווען איז אט וואס: אונזער נאררענבערגער העלד איז פון דעם רעסטאראן אוועק א ברוגז'ער אין א צווייטען רעסטאראן, אויך א אידישען, און האט געטראפען דארט פונקט דאס אייגענע בילד; אויך א חמצ'דיגען מיטאג, אויך חמצ'דיגע המן־טאשען, „כשר לפורים“ — און געענדיגט האט זיך עס דערמיט, וואס אונזער אפטייקער איז אוועק פון דארט אין א כריסטליכען רעסטאראן און האט זיך באשטעלט א גויישען מיטאג „א לא קארט“. ער האט זיך געטראכט: „איידער עסען חמץ אום פסח, איז שוין גלייכער עסען טרפה“...

ו.

איינע פון די ניצליכסטע ערפינדונגען פון אונזער צייט בלייבט טאקי נאר דער טעלעפאן. א דאנק דעם טעלעפאן איז גאנץ נאררענבערג אין פארלויף פון איין האלבע שעה געוואהר געווארען, אז די הויפט־שטאדט פון דייטשלאנד, די אידישע שטאדט בערלין, האט פארשפעטיגט מיט'ן פסח כמעט אויף א גאנצען חודש: אז וועהרענד אין נאררענבערג איז שוין דער צווייטער טאג חול־המועד פסח, איז אין בערלין ערשט פורים! פאר דער נאררענבערגער קהילה איז דאס געווען אזוי איבערראשענד, אז זיי האבען געוואלט וויסען, וואס וועט זאגען דערויף „אונזער רבי“? און מען איז אוועק צו אונזער ראבינער, דאקטאר און פרעדיגער און מע האט איהם שוין געטראפען ביי'ם טיש שרייבענדיג א טעלעגראמע קיין בערלין צו זיינעם א קאלעגע, אויך א ראבינער און אויך א דאקטאר און אויך א פרעדיגער. ער האט געבעטען ביי זיין קאלעגע, ער זאל איהם זאפארט טעלעגראפירען, וועלכער פייערטאג איז היינט אין בערלין? און דעם זעלבען טאג ארום פארנאכט האט דער ראבינער באקומען א קלארע תשובה פון בערלין. די תשובה איז באשטאנען נאר פון איין ווארט: „שושן־פורים“... און טאקי דורכ'ן זעלבען טעלעפאן האט ער געגעבען צו וויסען דער גאנצער שטאדט און האט געבעטען יעדען באזונדער, אז מע זאל אריינקוקען אין לוח אריין, קאנטראלירען דעם דאטום. און די שטאדט נאררענבערג האט גענומען שטודירען דעם לוח מיט אזא אינטערעס, גלייך ווי מע וואלט וועלען דערגעהן, ווען קעהרט זיך איבער די וועלט?...

מע טאר אבער נישט אוועקגעהן פונ'ם אמת: נאררענבערג איז טאקי זעהר א פיינע שטאדט און איהרע אידישע איינוואהנער זענען טאקי זעהר ארענטליכע מענטשען — איינס צום אנדערען געהער זיך אבער נישט אן: קיין סך געלעהרענטע מענטשען, וואס זאלען פארשטעהן לוח, איז דארט נישט פארהאנען; דער איינצי־

גער אידישער געלעהרטער, וואס פארשטעהט א אידיש ווארט, איז איינער, וואס טראגט זעהר א הויכען באריהמטען נאמען „מאטיאס דרייפוס“.

מיר פארחאפען זיך אויף צו־פריהער און מאכען אויפמערקזאם דעם לעזער, ער זאל חלילה קיין טעות נישט האבען און נישט מיינען, אז דאס איז דער מאטיאס דרייפוס, דער ברודער פון אונזער וועלטבאריהמטען מארטירער קאפיטאן (היינט מאיאר) אלפרעד דרייפוס. דער נארענבערגער מאטיאס דרייפוס איז דער שמש פון דער דארטיגער כאהרשוהל און דער שוחט פון שטאדט. ווי קומט צו איהם אזא נאמען — זאלט איהר נישט פרעגען. למאי ס'איז דא אין דעם זעלבען נארענבערג א איד איין ארעמאן, וואס לעבט פון דעם, וואס ער זאגט קדיש, אז מע באצאהלט איהם, און טראגט דעם נאמען נאטאניעל ראטשילד? אדער ס'איז פארהאן, טאקי אלץ אין נארענבערג, א שוסטער, און א קאליקע דערצו, וואס שעהמט זיך נישט און הייסט מיט'ן נאמען היינריך היינע? און א ראזירער איז דארטען דא, שטעהט אויף זיין שילד אויסגעמאהלט א נקבה מיט א רויטען פאריק, און אונטען אנגעשריבען מיט גרויסע לויטערע אותיות: לודוויג בערנע? עס פעהלט נאר צום רומעל א שטיוועלפוצער מיט'ן נאמען ברוך שפינאזא... עס קאן זעהר געמאהלט זיין, אז עס דרעהט זיך ערגיץ ארום דארטען אין שטאדט א ברוך שפינאזא, נאר איך האב נאך נישט געהאט דאס גליק מיט איהם פערזענליך צו באקענען זיך... נאר מיר קעהרען זיך אום צו אונזער געלעהרטען מאטיאס דרייפוס, דעם שמש פון דער כאהרשוהל.

אז דער געלעהרטער מאטיאס דרייפוס האט דערהערט די געשיכטע, וואס דער אפטייקער האט געבראכט צו פיהרען פון בערלין, אז דארט איז ערשט פורים, נישט פסח, האט ער זיך גענומען גריבלען אינ'ם לוח נאר מיט אנדערע כלים, ווי עס פאסט פאר א געלעהרטען, וואס איז אי א שמש, אי א שוחט און הייסט דרייפוס. ער האט זיך אזוי לאנג געגריבעלט, ביז ער האט זיך ארויפגע-

גריבעלט אויף א שטיקעל דרך. ער האט געפרעגט א קשיא: וואו איז אהינגעקומען דער „ואדר“ (אדר שני)? — לויט זיין רעכענונג, ער געדענקט דאס נאך פון פאראיאהרען, האט היינטיגס יאהר — דאננערוועטטער! — באדארפט אויסקומען איין עבור־יאהר. א באווייז האט ער פונ'ם ארגאניסט, פריעדריך שפיעלהאגען; ער איז א כריסט און שפיעלט ביי די אידען יום־טוב אין כאהרשוהל; זאגט ער, פריעדריך שפיעלהאגען, אז ביי זיי איז היינטיגס יאהר אויך איין עבור־יאהר!

מיט דעם דאזיגען וויכטיגען מאטעריאל איז אונזער געלעהרטער דרייפוס אוועק צום ראבינער, דאקטאר און פרעדיגער, און ביידע האבען זיך אוועקגעזעצט שטודירען דעם לוח גאר איבעראנייעס — און דא איז געקומען די רעכטע קאטאסטראפע: ביידע האבען דערזעהן, אז זייער לוח איז נישט פון יאהר ת ר ס " ח (5668), נאר פונ'ם יאהר תרמ"ח (5648). דאס הייסט, א פארצוואנציגיאהריגער לוח!...

דער פארפאסער פון דער דאזיגער אמת'ער געשיכטע באדאנקט דעם געעהרטען לעזער פאר דעם, וואס ער האט זיך געגעבען די מיה אויסצוהערען די מעשה כמעט ביז'ן סוף, און לאזט איהם איבער אויף זיין אייגענער פאנטאזיע, ער זאל זיך פארשטעלען, וואס עס האט זיך אפגעטהאן אין דער שטאדט נארענבערג, ווען מען איז געוואהר געווארען פונ'ם רבין אליין, אז זיי האבען פארחאפט דעם פסח מיט א גאנצען חודש פריהער, און אז מע וועט דארפען פראווען פסח נאך א מאל פונ'ם אנהויב! איך וואלט געקאנט אויסנוצען אלע שארפע אויסדרוקען, ווי צום ביישפיעל: עמפערט, ענטטוישט, איבערראשט, אויפגעבראכט, אויפגעטראגען, צעקאכט, נידערגעשלאגען, אויסער זיך, וכדומה. איך פיהל אבער, אז ס'איז נישט דאס; ס'איז באנאל. דאס ריכטיגסטע ווארט

וואלט געווען, דאכט מיר, „פארניכטעט!“... בארעכענט אייך: א גאנץ האלב יאהר האט א שטאדט אפגעלעבט פאלש נאך איין אלטען אפגעלעבטען לוח פון פאר צוואנציג יאהרען! געפייערט יום־טובים נישט אין דער ריכטיגער צייט! געגעסען מצה דעמאלט, ווען אלע אידען האבען געשלאגען המנ'ען! היינט וואו זענען די בר־מצוות? די יאהרצייטען? די קדישים?... און וועמען האט מען צו פארדאנקען? עפּיס א אידעל, א גארנישט, איין עמיגראנט... „אה, דער פאלנישער יודע!“ — האבען געזאגט די נאררענבערגער אידישע דייטשען און האבען זיך געשארפט די צייהן אויפ'ן „פאלנישען יודען“. לאז ער נאר קומען קיין נאררענבערג מיט זיין פעקעל ספרים, וועט ער שוין טרוקען נישט ארויס...

און דער „פאלנישער יודע“, אונזער בוכהענדלער פינחס פינקוס, איז אין דער צייט געזעסען מיט נאך א סך אזעלכע ארויסגעווארפענע, ווי ער, אויף א ריעזענשיף, וואס איז געדולדיג און ראשיג געשוואומען פון האמבורג קיין ניו־יארק. פונ'ם גאנצען דאבערע־מזל, וואס ס'איז איהם געראטען ארויסצובאקומען פון די „דייטשען“, האט ער קוים צונויפגעשלאגען אויף א שיפסקארטע צווישען דעק, און ער פאהרט אט דאס אהין, אינ'ם גאלדענעם לאנד. וואס קאלומבוס האט אנטדעקט צוליעב דעם, אז ארעמע אידען פון דער גארער וועלט, פארטריבענע און פארוואגעלטע, באַרויבטע און פארשענדעטע, זאלען קאנען עהרליך און מיט כבוד, כאטש אפילו מיט גרויס מיה, פארדיענען זייער שטיקעל ברויט...

לעזער! לאמיר איהם ווינשען גליק און א פרייליכען כשר'ען פסח.